# אנערקענונג פון עלטערן-שאפט

**אונטערשרייבן די בויגן איז פון אייער פרייע ווילן. דאס איז א לעגאלע דאקומענט. לייענט דורך די גאנצע בויגן פאר איר שרייבט אונטער.**

אייך צו העלפן צו באשטימען אייער בארעכטיגונג צו אונטערשרייבן אן אנערקענונג פון עלטערן-שאפט, זעהט ביטע די פאלגנדע ערקלערונגען:

- **קינד** – די מענטש וואס עס דארף אוועקגעשטעלט ווערן ווער עס זענען זיינע/אירע עלטערן.
- **געבורט עלטערן** – די עלטערן וואס געבוירט די קינד.
- **אנגעבליכע עלטערן** – דער מענטש וואס איז מעגליך די קינד'ס גענעטישע עלטערן אבער איז נישט געווארן לעגאל דעקלערט אלץ די עלטערן.
- **פלאנירטע (אינטענדעד) עלטערן** – א מענטש וואס עס פלאנירט צו זיין לעגאל געבונדן אלץ די עלטערן פון א קינד וואס ווערט געבוירן דורך אן אסיסטעד ריפּרודאָקשען פראצעדור.
- **אנדערע עלטערן** – באציהט זיך סיי צו די אנגעבליכע און סיי צו די פלאנירטע (אינטענדעד) עלטערן.
- **פּיוּטעיטיוו פאטער רעדזשיסטרי** – די סטעיט רעדזשיסטרי וואו אנערקענונגען פון עלטערן-שאפט און אנערקענונגען פון פאטערשאפט ווערן געפיילט. אינפארמאציע איך די רעדזשיסטרי וועט ארויסגעגעבן ווערן צו א געריכט אדער צו אן אויטאריזירטע אגענטור אויב עס ווערט פארלאנגט אבער וועט נישט ארויסגעגעבן ווערן צו סיי וועלכע אנדערע מענטש אן א געריכט באפעל פאר א גוטע סיבה (גוּד קאָוז) וואס איז אויפגעוויזן געווארן.
- **געמיט דאָונאר** – די דאָונאר פון די זרע אדער איי.

נאר אויף באקוקן

בעפארן אונטערשרייבן די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט, דארפן די געבורט עלטערן און די אנדערע עלטערן איינגעמאלדן ווערן אין שריפט און דורך די מויל וועגן זייערע רעכטן און די קאנצעקווענצן פון אונטערשרייבן. אן אנערקענונג פון עלטערן-שאפט וואס איז אונטערגעשריבן געווארן פון פרייע ווילן דורך ביידע עלטערן האט די זעלבע לעגאלע קראפט און השפעה ווי א געריכט באפעל וואס באשטימט די קינד'ס לעגאלע עלטערן און שטעלט אוועק די פליכט פון ביידע עלטערן צו גיבן שטיצע (סוּפּארט) פאר די קינד. דאס מיינט אז אויב די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט ווערט נישט צוריקגעצויגן, דארפט איר נישט גיין אין געריכט אדער צו א געהער צו באשטימען אדער פעסטשטעלן ווער די קינד'ס אנדערע עלטערן איז.

בעפארן אונטערשרייבן אן אנערקענונג פון עלטערן-שאפט, קענט איר בעטן צו רעדן מיט א לויער. איר האט א רעכט צו בעטן א לויער און שטיצנדע סערוויסעס, אריינרעכענענדיג קאַונסעלינג, אייך צו העלפן באשליסן אויב איר זאלט אונטערשרייבן די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט.

### ווער קען אונטערשרייבן?

נאר צוויי מענטשן קענען אונטערשרייבן די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט צו צולייגן די אנדערע עלטערן צו די געבורט סערטיפיקאט:

| פאל #1: | פאל #2: |
| --- | --- |
| • נישט חתונה געהאטע געבורט עלטערן<br>*און*<br>• אנגעבליכע עלטערן | • יא אדער נישט חתונה געהאטע געבורט עלטערן<br>*און*<br>• פלאנירטע (אינטענדעד) עלטערן |

די קינד קען געגעבן ווערן סיי וועלכע לעצטע נאמען וואס די עלטערן ווילן אויס. די קינד'ס נאמען וועט נישט האבן קיין השפעה אויף די לעגאלע סטאטוס פונעם קינד.

**שרייבט נישט אונטער אן אנערקענונג פון עלטערן-שאפט אויב:**

- די געבורט עלטערן פון א קינד וואס איז געקומען נאטורליך איז געווען חתונה געהאט דורכאויס די צייט ווען די מאמע איז געווען טראגעדיג (פּרעגנענסי) אדער וועט די קינד איז געבוירן געווארן;
- די געבורט עלטערן איז נישט חתונה געהאט און עס איז דא א ספק ווער די אנדערע עלטערן איז;
- א געריכט האט געגעבן א פסק אדער באפעל צו באשטימען ווערן עס איז די עלטערן;
- א גילטיגע אנערקענונג פון עלטערן-שאפט איז אונטערגעשריבן געווארן;
- די קינד איז אונטער סוּרעגעסי הסכם (ווען אן אנדערע פרוי גיבט געבורט פאר די קינד);
- די קיד איז נאכנישט געבוירן געווארן; אדער
- עס זענען שוין דא צוויי עלטערן אויף אייער קינד'ס געבורטס סערטיפיקאט.

**שרייבט נישט אונטער אן אנערקענונג פון עלטערן-שאפט אויב איר האט סיי וועלכע ספק איבער ווער די עלטערן פון די קינד זענען נאכן לייענען די געשריבענע מעלדונג און באקומען א מעלדונג דורך די מויל.**

**ווען עלטערן שרייבן אונטער אן אנערקענונג פון עלטערן-שאפט:**

- גיבן זיי אויף די רעכט צו האבן א געהער אין די געריכט צו באשטימען ווער עס איז די עלטערן;
- קענען זיי אוועקשטעלן די רעכטן פאר קאָסטעדי און באזוכן;
- קענען זיי ווערן פארלאנגט צו גיבן זייער צושטימונג פאר די קינד ווערט איבערגעגעבן פאר אדאפּשען;
- די קינד'ס רעכט צו ירשנ'ען פוןביידע עלטערן **ווערט אוועקגעשטעלט** אויב די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט איז אריינגעגעבן געווארן צו די דיסטריקט וואו די געבורטס סערטיפיקאט איז געפיילט געווארן; און
- די קינד'ס רעכט צו ירשנ'ען פון ביידע עלטערן **קען אוועקגעשטעלט ווערן** אויב די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט איז נאר געפיילט געווארן מיט די פּיוּטעיטיוו פאטער רעדזשיסטרי.

**אויב אן אנערקענונג פון עלטערן-שאפט איז נישט אונטערגעשריבן געווארן דורך ביידע עלטערן:**

- וועט די אנדערע עלטערן נישט האבן די לעגאלע פאראנטווארטליכקייט צו שטיצן די קינד און די אנדערע עלטערן'ס נאמען קען נישט ווערן ארויפגעלייגט געווארן אויף די געבורטס סערטיפיקאט ביז עס קומט פאר א געהער צו באשטימען ווער עס איז די עלטערן. אויב די געריכט באשטימט אז די אנדערע עלטערן איז א לעגאלע עלטערן פון די קינד, קען די געריכט ארויסגעבן אן ארדער אָוו סוּפּארט וואס קען זיין גילטיג אויף צוריק צו די געבורט פון די קינד.
- אויב א געהער פון די געריכט איז געפאדערט וועיל קיין איינס פון די עלטערן שרייבט נישט אונטער די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט:
  - קען די אנדערע עלטערן האבן די רעכט פאר אן אומזיסטע לויער אויב זיי קענען זיך נישט ערלויבן צו באצאלן פאר איינס; און
  - איינער וואס עס ווערט געטענה'ט אז זיי זענען די עלטערן האבן א רעכט פאר א גענעטישע אדער DNA טעסט.
- אויב די געבורט עלטערן אַפּלייט פאר אדער באקומט פובליק הילף, קען דאס אז די עלטערן וויל נישט אונטערשרייבן די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט נישט ווערן פאררעכנט ווי זיי קאאפערירן נישט צו אוועקשטעלן ווער עס איז די קינד'ס עלטערן.

נאר אויף נאכצוקוקן

**אן אנערקענונג פון עלטערן-שאפט איז נישט גילטיג ביי די צייט וואס עס ווערט אונטערגעשריבן אויב:**

- א מענטש חוץ פון די צדדים וואס שרייבן אונטער די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט איז מן הסתם אן עלטערן פון די קינד ווייל זיי זענען געווען חתונה געהאט אונטער ניו יארק משפחה באציאונגען געזעצן;
- די קינד האט א לעגאל-אנערקענטע עלטערן חוץ פון די צדדים וואס שרייבן אונטער די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט צוליב אן אסיסטעד ריפּראדאקשען הסכם;
- א געריכט האט שוין געגעבן א פסק אדער באפעל צו באשטימען ווערן עס איז די עלטערן;
- אן אנדערע מענטש האט שוין פון זייער פרייע ווילן אנערקענט אז זיי זענען די עלטערן פון די קינד;
- א מענטש וואס שרייבט אונטער די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט איז געווען א דאָנאר אין אן אסיסטעד ריפּראדאָקשען פראצעדור און האט שוין אונטערגעשריבן אויף א סטעיטמענט אז די דאָנעישען וועט זיי נישט געבן די רעכט אדער פאראנטווארטליכקייט אלץ עלטערן פון די קינד; אדער
- א מענטש וואס שרייבט אונטער די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט דעקלערט אז זיי האבן די רעכט אלץ עלטערן צוליב אן אסיסטעד ריפּרודאָקשען הסכם, אבער א געריכט געפונט אז די קינד איז למעשה נישט געקומען פון די אסיסטעד ריפּרודאָקשען פראצעדור.

## וואו קען מען אריינגעבן די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט? ווער גיבט עס אריין?

אויב איר האט אונטערגעשריבן די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט אין א שפיטאל אדער ביי א סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט, וועט די אריגינאלע אנערקענונג פון עלטערן-שאפט אריינגעגעבן ווערן פאר אייך צו די רעגיסטראר פון די דיסטריקט וואו די געבורטס סערטיפיקאט ווערט געפיילט. אויב איר האט נישט אונטערגעשריבן די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט אין א שפיטאל אדער ביי א סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט, מוזט איר אריינשיקן דורך די פּאָסט אדער ברענגען די אריגינאלע אנערקענונג פון עלטערן-שאפט צו די דיסטריקט וואו די געבורטס סערטיפיקאט ווערט געפיילט.

- פאר א געבורט וואס קומט פאר **אין ניו יארק סיטי**, זאלט איר שיקן דורך די פּאסט אדער ברענגען די אריגינאלע אנערקענונג פון עלטערן-שאפט צו די רעגיסטראר ביי די ניו יארק סיטי דעפּארטמענט אָוו העלט ענד מענטעל הייזדשיען,
New York City Department of Health and Mental Hygiene, Office of Vital Records,
Attention: Corrections Unit Room 144, 125 Worth Street CN-4, New York, NY 10013-4089.
- פאר א געבורט וואס קומט פאר **אינדרויסן פון ניו יארק סיטי**, זאלט איר שיקן דין די פּאָסט אדער ברענגען די אריגינאלע אנערקענונג פון עלטערן-שאפט צו די רעגיסטראר פון די דיסטריקט וואו די געבורט סערטיפיקאט איז געפיילט געווארן.

די רעגיסטראר וועט אייך שיקן אויף די פּאָסט א סערטיפייד קאפיע פון די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט און וועט פיילן א קאפיע פון די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט מיט די פּיוטעיטיוו פאטער רעדזשיסטרי.

**הערה:** אויב די נאמען און אדרעס פון א געמיט דאָונאר פון א קינד וואס איז געקומען פון אן אסיסטעד ריפּרודאָקשען פראצעדור שטייט אויף די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט, וועט די סטעיט דעפּארטמענט אָוו העלט אדער די ניו יארק סיטי דעפּארטמענט אָוו העלט ענד מענטעל הייזדשיען שיקן א קאפיע דורך די פּאָסט צו די דאָונאר וואס וועט דערמאנט אויף די בויגן מיט די סאָושעל סעקיורִיטי נומערן פון די וואס שרייבן אונטער אויסגעמעקט.

## צו קען איך באקומען א נייע געבורט סערטיפיקאט נאך איך שרייב אונטער די בויגן?

**יא.** אויב די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט איז נישט אונטערגעשריבן געווארן ביי די צייט פון די געבורט, וועט א נייע געבורט סערטיפיקאט ארויסגעגעבן ווערן מיט די נאמען פון יעדע עלטערן. אויב איר טוישט די לעצטע נאמען פון די קינד ווען איר פילט אויס די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט, וועט עס געטוישט ווערן אויף די נייע געבורט סערטיפיקאט.

## צו דארף איך באצאלן פאר א נייע געבורט סערטיפיקאט?

אויב אייער **קינד איז געבוירן געווארן אין א שפיטאל אינדרויסן פון ניו יארק סיטי**, און איר שרייבט אונטער די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט נאך וואס די אריגינאלע געבורט סערטיפיקאט איז שוין געפיילט געווארן, וועט די ניו יארק סטעיט דעפּאַרטמענט אָוו העלט ארויסגעבן איין אומזיסטע געטוישטע געבורט סערטיפיקאט וואס וועט געשיקט ווערן צו די געבורט עלטערן דורך די פּאָסט. נאך קאָפּיעס פון די געטוישטע געבורט סערטיפיקאט וועט געגעבן ווערן פאר אן אפצאל.

אויב אייער **קינד איז געבוירן געווארן אין א שפיטאל אין ניו יארק סיטי**, און איר שרייבט אונטער די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט נאך וואס די אריגינאלע געבורט סערטיפיקאט איז שוין געפיילט געווארן, וועט די ניו יארק סיטי דעפּאַרטמענט אָוו העלט ענד מענטעל הייזדשיען ארויסגעבן איין אומזיסטע געטוישטע געבורט סערטיפיקאט וואס וועט געשיקט ווערן צו די אנדערע עלטערן דורך די פּאָסט. אויב די קינד איז ווייניגער פון איין יאר אלט, קען די געבורט עלטערן אויך אויפטוישן די אריגינאלע געבורט סערטיפיקאט אומזיסט; נאך איין יאר וועט שוין זיין אן אפצאל פארן באקומען א נייע.

## צו קען איך צוריקציהען די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט נאכן אונטערשרייבן?

**יא.**ביידע עלטערן האבן די רעכט אריינצוגעבן א פארלאנג צוריקצוציהען די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט צו די פאמיליע געריכט. די פארלאנג קען נאר אריינגעגעבן ווערן אין פאלגנדע צייטן, וועלכע זענען געווענדן אין די עלטער פון די עלטערן אין די צייט ווען זיי שרייבן אונטער די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט:

| | די עלטערן איז **18 יאר אדער עלטער** ווען זיי שרייבן אונטער די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט | די עלטערן איז **אונטער 18 יאר** ווען זיי שרייבן אונטער די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט |
|---|---|---|
| **לויט וועלכע קומט פריער** | ביז 60 טעג פון די דאטום ווען זיי האבן אונטערגעשריבן די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט. | ביז 60 טעג פון די עלטערן'ס 18טע געבורטסטאג. |
| | די דאטום אויף וועלכע עס פאדערט זיך אן ענטפער אויף א פארלאנג אין א פראצעס איבער די קינד און אין וועלכע די עלטערן איז א צד. | ביז 60 טעג נאך די דאטום אויף וועלכע עס פאדערט זיך אן ענטפער אויף א פארלאנג אין א פראצעס איבער די קינד און אין וועלכע די עלטערן איז א צד, מיט די תנאי אז די עלטערן האט געוואוסט אין די צייט פון די פראצעס וועגן די רעכט צו אריינגעבן אזא פארלאנג צו צוריקציהען די אנערקענונג. |
| **אויב די צייט איז שוין אויסגעלאפן** | יעדע פון די עלטערן קען לייגן אין ספק די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט אין געריכט, אויב עס איז אונטערגעשריבן געווארן צוליב שווינדל, צווינגען אדער וועגן א טעות איבער די פאקטן. די צד וואס וויל צוריקציהען די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט איז דער וואס דארף אויפווייזן זייער טענה. | |

אויב די פארלאנג צו צוריקציהען די אנערקענונג ווערט אריינגעגעבן אין די ריכטיגע צייט, אדער נאך די צייט איז אריבער האט די עלטערן מצליח געווען צו אפווארפן די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט אין געריכט, וועט די געריכט באשטעלן גענעטישע אדער DNA טעסטס צו באשטימען ווער עס איז די קינד'ס עלטערן. די געריכט וועט אבער נישט באשטעלן די טעסטס אויב די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט איז אונטערגעשריבן געווארן דורך די מענטש וואס דארף צו זיין די עלטערן דורך אן אסיסטעד ריפּרודאַקשען פראצעדור, אדער אויב די געריכט געפונט אז עס איז נישט די בעסטע זאך פאר די קינד. די לעגאלע פאראנטווארטליכקייטן פון ביידע עלטערן, אריינרעכענענדיג די פאראנטווארטליכקייט צו שטיצן די קינד, וועלן נישט ווערן אפגעשטעלט אין די צייט ווען די עלטערן ווילן צוריקציהען אדער מבטל זיין די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט חוץ אויב די געריכט געפונט א גוטע סיבה (גוּד קאָוז) אזוי צו טוהן.

אויב די געריכט באשטימט נאך א גענעטישע אדער DNA טעסט אז דער מענטש וואס האט אונטערגעשריבן די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט איז אן עלטערן פון די קינד, וועט די געריכט מאכן א געפונס פון עלטערן-שאפט און ארויסגעבן א פסק אדער באפעל באשטימענדיג ווער עס איז די עלטערן. אויב די געריכט באשטימט אז דער מענטש וואס האט אונטערגעשריבן די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט איז נישט די עלטערן פון די קינד, וועט די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט בטל ווערן און די געריכט וועט באלד גיבן א קאפיע פון די באפעל צו די רעגיסטראר און צו די פּוּטעיטיוו פאטער רעדזשיסטרי. אויב א צד באקומט טשיילד סוּפּארט סערוויסעס, וועט א קאפיע געגעבן ווערן צו די טשיילד סוּפּארט ענפארסמענט יוּניט.

## איר האט נאך פראגן?

פראגן איבער די **געבורט סערטיפיקאט פראצעדור** זאלן געווענדן ווערן צו די רעגיסטראר וואו די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט איז אריינגעגעבן געווארן אדער וועט אריינגעגעבן ווערן. אין ניו יארק סיטי, רופט די ניו יארק סיטי דעפּארטמענט אָוו העלט ענד מענטעל היידזשיען ביי **3-1-1** אדער ביי **212-NEW-YORK.**

פאר פראגן וועגן די בויגן אדער וועגן אוועקשטעלן עלטערן-שאפט, רעדט מיט די שפיטאל איינגעשטעלטע אדער שיקט די פראגן אויף אימעיל צו otda.sm.dcse.parentage@otda.ny.gov. איר קענט אויך זעהן א ווידעאו וועגן די פראצעדור פון אנערקענונג פון עלטערן-שאפט וואס איז אוועילעבעל אויף די וועבזייטל פון די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון טשיילד סוּפּארט סערוויסעס ביי childsupport.ny.gov.

**ביטע מערקט אן:** די אינפארמאציע און דעקלעראציעס וואס ווערן אריינגעלייגט אין די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט וועט נישט פעסטגעשטעלט ווערן דורך סיי וועלכע סטעיט, לאקאלע אדער פריוואטע קערפער בעפאר אדער נאך וואס א געבורט סערטיפיקאט ווערט ארויסגעגעבן אדער וואס די דאקומענט ווערט געפיילט מיט די פּוטעיטיוו פאטער רעדזשיסטרי, וויבאלד עס איז נישט פארלאנגט דורך די געזעץ.

# אנערקענונג פון עלטערן-שאפט

**(ביטע טייפט אדער שרייבט קלאר מיט א שווארצע פענע.)**

רעקארדירטע דיסטריקט ______ שפיטאל קאָוד ___ ___ ___ רעדזשיסטער נומער ______

**צייכנט אן מיט א טשעק די פלאץ וואו עס ווערט אונטערגעשריבן:** ☐ שפיטאל ☐ טשיילד סופּארט פראגראם אפיס ☐ געבורט רעגיסטראר ☐ אנדערע

## קינד

**ערשטע נאמען** ______ **מיטעלע נאמען** ______ **לעצטע נאמען** ______

**דזשענדער** ☐ מיידל ☐ אינגל ☐ נישט-ביינערי/אנדערע

**געבורטס דאטום** *(ממ/טט/יייי)* ___/___/______

**פלאץ פון געבורט** ______ **שטאט פון געבורט** ______ **קאַונטי/באָראָ פון געבורט** ______

אויב די קינד'ס געבורט סערטיפיקאט איז שוין ארויסגעגעבן געווארן און איר ווילט יעצט טוישן די קינד'ס לעצטע נאמען, פילט אויס די פאלגנדע טייל:

**לעצטע נאמען אויף די אריגינאלע געבורט סערטיפיקאט** ______ **נייע לעצטע נאמען** ______

מיר פארשטייען אז אונטערשרייבן די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט איז פון אונזער פרייע ווילן און אז עס וועט אוועקשטעלן אז מיר זענען די עלטערן פון די קינד מיט די זעלבע קראפט און השפעה ווי א באפעל פון עלטערן-שאפט וואס ווערט ארויסגעגעבן נאך א געהער אין די געריכט, און עס רעכנט אריין א פליכט צו גיבן שטיצע (סופּארט) פאר אונזער קינד חוץ אז, נאר אויב די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט ווערט אריינגעגעבן ביי די רעגיסטראר וואו די געבורט סערטיפיקאט ווערט געפיילט, וועט די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט האבן די זעלבע כוח און השפעה לגבי ירושה רעכטן. מיר זענען איינגעמאלדן געווארן אין שריפט און דורך די מויל וועגן אונזערע לעגאלע רעכטן (אריינרעכענענדיג די צייטן ביז ווען עס איז מעגליך צוריקצוציהען), פאראנטווארטליכקייטן, אלטערנאטיווע אפציעס און די קאנסעקווענצן פון אונטערשרייבן די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט, און מיר פארשטייען וואס די מעלדונג מיינט. א קאפיע פון די געשריבענע מעלדונג איז געגעבן געווארן צו אונז. מיר באשטעטיגן אז די אינפארמאציע וואס מיר גיבן אונטן איז אמת.

## געבורט עלטערן

**ערשטע נאמען** ______ **מיטעלע נאמען** ______ **לעצטע נאמען** ______

**גאס אדרעס** ______ **שטאק/אפארטמענט** ______ **סיטי** ______ **סטעיט** ______ **זיפ קאָוד** ______

**געבורטס דאטום** *(ממ/טט/יייי)* ___/___/______ **סאָושעל סעקיורּיטי נומער** ___–___–____

**צו זענט איר געווען חתונה געהאט ביי די צייט פון די געבורט?** ☐ יא ☐ ניין

איך טוה דערמיט צושטימען צו די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט פאר מיין קינד וועמענ'ס נאמען שטייט אויבן און איך אנערקען אז דער מענטש וועמענ'ס נאמען ווערט דערמאנט אונטן איז די איינציגסטע מענטש וואס קען מעגליך זיין די אנדערע גענעטישע עלטערן, אדער איז א פלאנירטע (אינטענדעד) עלטערן אויב די קינד איז געקומען דורך אן אסיסטעד ריפּראָדאַקשען פראצעדור.

**אונטערשריפט** ______ **דאטום** *(ממ/טט/יייי)* ___/___/______

**עדות טייל** *(צוויי עדים ווערן געפאדערט; די עדים קענען נישט זיין קרובים פון איינס אדער ביידע עלטערן)*

**עד אונטערשריפט** ______ **עד שרייבט נאמען** ______ **דאטום** *(ממ/טט/יייי)* ___/___/______

**עד אונטערשריפט** ______ **עד שרייבט נאמען** ______ **דאטום** *(ממ/טט/יייי)* ___/___/______

## אנדערע עלטערן

**ערשטע נאמען** ______ **מיטעלע נאמען** ______ **לעצטע נאמען** ______

**גאס אדרעס** ______ **שטאק/אפארטמענט** ______ **סיטי** ______ **סטעיט** ______ **זיפ קאָוד** ______

**שטאט פון געבורט** ______ **סטעיט/פראווינץ פון געבורט** ______ **לאנד פון געבורט** ______

**געבורטס דאטום** *(ממ/טט/יייי)* ___/___/______ **סאָושעל סעקיורּיטי נומער** ___–___–____

**צו זענט איר די גענעטישע/בלוט פאטער פון די קינד?** ☐ יא ☐ ניין

איך טוה דערמיט אנערקענען אז איך בין די גענעטישע עלטערן אדער פלאנירטע (אינטענדעד) עלטערן פון די קינד דערמאנט אויבן.

**אונטערשריפט** ______ **דאטום** *(ממ/טט/יייי)* ___/___/______

**עדות טייל** *(צוויי עדים ווערן געפאדערט; די עדים קענען נישט זיין קרובים פון איינס אדער ביידע עלטערן)*

**עד אונטערשריפט** ______ **עד שרייבט נאמען** ______ **דאטום** *(ממ/טט/יייי)* ___/___/______

**עד אונטערשריפט** ______ **עד שרייבט נאמען** ______ **דאטום** *(ממ/טט/יייי)* ___/___/______

## בלויז פאר אפיציעלע באנוץ

**די אנערקענונג פון עלטערן-שאפט אויבן ווערט דערמיט געפיילט מיט די** ______ **רעגיסטראר אויף** ______

אויב די דאקומענט קומט טוישן א געבורט סערטיפיקאט, טוה איך באשטעטיגן אז איך האב דורכגעקוקט די אריגינאלע רעקארד וואס דאס וויל טוישן און די אינפארמאציע אויף די דאקומענט שטימען. גארנישט פעלט נישט און עס זענען נישטא קיינע קלארע טעותים וואס וואלטן דאס געמאכט אומאקצעפטירבאר צו טוישן די געבורט רעקארד. די דאקומענט איז דערפאר באשטעטיגט.

**סטעיט רעגיסטראר/דעפּיוּטי סיטי רעגיסטראר אונטערשריפט** ______ **דאטום** *(ממ/טט/יייי)* ______

נאר אויף נאכצוקוקן

## געבורט עלטערן

**נאמען**

**גאס אדרעס**

**שטאק/אפארטמענט** **סיטי** **סטעיט** **זיפ קאָוד**

פאָסט אדרעס פון **געבורט עלטערן** מוז געשריבן ווערן דא

נאר אויף נאכצוקוקן

## אנדערע עלטערן

**נאמען**

**גאס אדרעס**

**שטאק/אפארטמענט** **סיטי** **סטעיט** **זיפ קאָוד**

פאָסט אדרעס פון **אנדערע עלטערן** מוז געשריבן ווערן דא

## געמיט דאָונאר *(אויב עס איז דא איינס)*

**נאמען**

**גאס אדרעס**

**שטאק/אפארטמענט** **סיטי** **סטעיט** **זיפ קאָוד**

פאָסט אדרעס פון **געמיט דאָונאר**,
אויב באקאנט, מוז געשריבן ווערן דא